STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11799

S'VET KUMEN A TSAYT =

David Freed

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס'וועט קומען
אַ צײַט

געדאנקען

אין

פערזן

פון

דוד פריד

ארויסגעגעבן פון דער משפחה

ניו-יאָרק · מיאמי-ביטש

1975

צום ליכטיקן
אָנדענק

אריינפיר

"מיין ברודער און הבר--צו זיין 24סטן געבורטסטאג".
אזוי איז אנגעשריבן אויפ'ן פאדערבלאט פון דעם "שלום-עליכם בוך", וואס איך האב געגעבן דודיק'ן במתנה אין 1928 ווען מיר ביידע האבן געוואוינט צו-זאמען מיט אונזערע עלטערן אין פילאדעלפיע,און אזוי בלייבט אין מיין הארצן **דוד פריד** מיין לייבלע-בער דודיק . ער שיינט ווי א נר-תמיד פאר מיר און אויך פאר דער גאנצער משפחה.

פון אינגלוויז-אן,נאך אין אונזער היימישער בער-שאד, א שטעטל אין דער אמאליגער פאדאליער גובער-ניע (איצט ויניצער קרייז), האט מיין ברודער און חבר איינגעזאפט אין זיך א טיפן דרך-ארץ צו ליטע-ראטור און קולטור-ווערטן בכלל, און פאעזיע בפרט. מיט לידער האט ער זיך ממש ניט געקאנט אנזעטיגן. עס זיינען אים געווען נאענט ביאליק און טשערני — כאווסקי אויף העברייאיש, ווי פושקין און ליערמאנ-טאוו אויף רוסיש און פרץ און לייוויק אויף אידיש צו דערמאנען בלויז עטלעכע פון א גרויסער,גלא-רייכער גאלעריע.

באַזונדער איז אים ליב געווען אונזער פּאָעזיע אויף מאמע-לשון. אַ ליד מיט קוואַליטעט און אינ-האַלט האָט אים דורכגענומען מיט א מין חסידישער התלהבות, האָט ער "געכאַפּט" אזא ליד, אין א צייַ-טונג צי א זשורנאל, פלעגט ער עס אויסשערן און אריינקלעבן אין א העפט, מיט א געפיל פון עבודת-קודש.

איז עס געווען נאטירלעך, אז אים זאָל ציען אריבערצוטראָגן אין פערזן , אין דיכטערישער פאָרם, זײַנע אייגענע שטימונגען און עמאָציעס, זײַן בליק אויף דער וועלט און מענטש. די וואָס האבן אים געקענט פון דער נאָענט ווייסן, אז ער איז גע-ווען הימל ווייט פון פוסטן אָנשטעל און איבערגעטרי-בענע פּרעטענזיעס. "כ'האָב אָנגעשריבן נאָך א לידעלע" פלעגט ער זאָגן, עפּעס ווי האלב שעמעוודיג, "כ'האָף אז עס וועט געפעלן". א "לידעלע"... ער האָט זיך דערמיט געוואָלט באוואָרענען, מ'זאָל אים חלילה ניט חושד זײַן, אז ער קרוינט זיך פאר א פּאָעט אין א ביז גאָר חנ'עוודיג "לידעלע", וואָס איז איינגעשלאָ-סן אין אָט דער זאמלונג, האָט ער געשריבן "ניט אַלץ וואָס גראַמט זיך איז אַ ליד". דאָס איז ביי אים

געוואָרן א קרעדאָ, א באַפעל צו זיך אליין, ניט צו "פּאַרייטן" זיך. ער האָט זיך אָסור גענויטיגט אין אזא אָנזאָג. און געשען איז, אַז זיינע "לידעלעך", אויף א ברייטער טעמאַטיק, זיינען שוין גאָר געפעלן. אַ סך פון זיי זיינען דערשינען אין אידישע צייטונ-גען און געוואונען אַ וואַרעמען אפרוף פון לייענער.

אין זיין ליבשיגן אָנדענק, מיט אונזער גאנצער ליבשאַפט, מיט א בענקעניש, וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרגיין, ברענגען מיר דאָ אַן אָפּקלייב פון דוד פריד׳ס שאַפונגען.

פאר דער משפחה

ישראל פריד

שלום וואסילעווסקי

מײַן חבר דוד פריד

כ'האָב זיך באַקענט מיט אים אַן ערך 60 יאָר צו-
ריק, ווען בײדע זײַנען מיר געווען חדר-אינגלעך בײַ
הערשל זאַלמינעס (פּאָדאָלסקי), אין אונזער הײם שטעטל
בערשאַד, אין דער דעמאָלסדיקער פּאָדאָליער גובערניע.
דער רבי איז געווען א גרויסער בעל-תנ"ך, בעל-דיקדוק, און אַן אויסגעצײכנטער פּאַרטײטשער אויף זײַן
אײגענעם שטײגער, שטענדיק געלערנט מיט א זיסן ניגון.

דוד, -צווײשן נאָענטע האָט מען אים גערופן דודיק.-
איז געבוירן געוואָרן אין א משפּחה מיט גרויסן יחוס.

פון טאַטנ'ס צד האָט ער געשטאַמט פון דעם חסידישן
רבי, רפאל בערשאַדער(1826-1746) און אַ דורות'דיגער
קײט רבנים--ביז צו זײַן זײדן, נחום דײַן, אַ רב אין
בערשאַד. דוד'ס פאָטער, נחום דײַנ'ס זון, האָט געהײסן
יעקב פרידהאַנט. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין אמעריקע, איז דער נאָמען געביטן געוואָרן אויף פריד.

פון זײַן מאַמעס צד איז דוד געווען אַן אײניקל פון
נפתלי קאַלקער, אַ סקווירער חסיד און אָנגעזעענער
קהל'שער עסקן. ער איז אַ צײַט געווען דער דירעקטאָר
פון דער "זאַאימנער" באַנק אין בערשאַד, און פלעגט
זיצן אין קאַנטאָר מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ. דוד'ס
מאַמע, רחל'ע, נפתלי קאַלקער'ס בת-יחידה, איז געווען
געבענטשט מיט אַ סך מעלות: שײן, קלוג, גערעדט פלי-

סינג קאָלעקטיווע שפּראַכן, און דערצו זייער שיין געזונגען אידישע, העברעאישע און רוסישע לידער און חזנות.

אין אַזאַ סביבה האָט זיך דערצויגן דוד. אין גאַנג פון די יאָרן איז ער געוואָרן אַ וועלטלעכער נאַציאָנאַל-באַוואוסטזייניגער איד, אַ מענטש מיט אַ טיפן חוש פאַר סאָציאַלן יושר.

נאָכ'ן חדר האָט ער שטודירט אין דער גימנאַזיע פון אַנאַניעוו (כערסאָנער גובערניע) און שפּעטער איז ער אַריבער אין דער בערשאַדער גימנאַזיע. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער סטודענט.

דוד האָט איבערגעלעבט די פּעטליורישע און דעניקי-נישע פּאָגראָמען, אין 1918 און 1919, אין 1921 איז ער, אינאיינעם מיט זיין מאַמע'ן און אינגערן ברודער, ישראל, אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע צום טאַטן, וועלכער האָט זיך דאָרט באַזעצט אין 1914. די משפחה האָט די ערשטע עטלעכע חדשים געוואוינט אין קעמדען, ניו-דזשוי און דערנאָך זיך אַריבערגעצויגן קיין פילאַדעלפיע.

אין דער נייער היים האָט דער פליסיגער מתמיד זיך ווייטער געלערנט. אַ פּאָר יאָר האָט ער שטודירט אין דעם פילאַדעלפיער טעמפּל אוניווערסיטעט, און נאָכדעם זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט-בילדונג. גלייכצייטיג איז

דוד געװאָרן אקטיװ אין פאָרגעשריטענע אידישע קולטור-געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, און האָט שנעל געװאונען גרויס פּאָפּולאריטעט און אנערקענונג װי א פעאיגער, אומדערמידלעכער טוער פון הויכן קאליבער.

מיט דער צײט האָט דוד זיך באזעצט אין מיאמי-ביטש, פלארידא, אינאײנעם מיט זײן פרוי און געטרײער לעבנס-באגלײטערין, װײאָלאַ. דאָרט האָבן זײ איבערגענומען א האָטעל, װאָס האָט זיך אויסגעטײלט מיט זײן ציכטיגן קולטור-נוסח, און איז דעריבער געװאָרן א זאַמלפּונקט פון אידישער אינטעליגענץ.

אויך אין מיאמי-ביטש האָט דוד, מיט זײן כאראַקטעריסטישן ברען און אימפעט, זיך ארײנגעװאָרפן אין געזעלשאפטלעכע טעטיקײט. ער איז געװארן דער קולטור-דירעקטאָר פון דעם אָנגעזעענעם חיים װײצמאן צװײג פון אידיש-נאציאָנאלן אַרבעטער פאַרבאנד, פאַרטראכט און דורכגעפירט אײגנאַרטיגע אונטערנעמונגען, געשפּרודלט מיט הומאָר און שאַרפזין. און אין דעם אלעמען איז ער געבליבן דער באשײדענער, צוגעלאזטער דודיק, װי איך האָב אים געדענקט פון די אינגערע יאָרן אין בערשאַד, - אַן עכטער נוח לבריות. ניט קײן חידוש, װאָס ער איז געװען אזוי באליבט בײ אלעמען.

דוד'ן האָט אַלעמאָל געצויגן צו דער פּען-און ניט אומזיסט. ער איז געווען באַשאַנקען מיט א נאַטירלעכער פֿייִקייט צו שרייבן. ער האָט געשריבן פיינע, געפילפֿו-לע לידער אויף פֿאַרשידענע טעמעס. פֿערעיאַדיש האָבן זיינע שאַפונגען זיך געדרוקט אין דער אידישער פּרע-סע, און די לייענער האָבן זיי גערן אויפֿגענומען.

בערשאַד האָט אַלעמאָל געלעבט אין דוד'ס האַרץ און נשמה. ער האָט פֿאַראייביגט אונזער באַליבט שטעטל אין לירישע, רירנדיגע פֿערזן, וואָס זיינען איינגעשלאָסן אין אָט-דער זאַמלונג--אַן אָפּקלייב פֿון זיינע שאַפונגען.

דוד'ס פּריצייטיקער טויט האָט פֿאַריתומ'ט זיין פֿרוי, וויאָלאַ, די טאָכטער און איידעם, מאַרסעלאַ און קענעט מאַרקוס, צוויי איינקלעך, א אינגערע טאָכטער, רבקה, און זיין ברודער, ישראל. זיין אַוועקגיין פֿון דער וועלט(ער איז נאָך קיין פֿולע 68 יאָר ניט אַלט געווען), האָט דערשיטערט זיינע לאַנדסלייט און זיינע צאָלרייכע פֿריינט, וועלכע האָבן אים אַזוי ליב געהאַט.

זאָל די זאַמלונג פֿון זיינע שאַפונגען זיין א נר-תמיד אין זיין ליכטיגן אָנדענק. איך וועל מיין חבר דוד פֿריד ניט פֿאַרגעסן אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן.

S' VET KUMEN A TZAIT

David Freed — Maxim Brodyn



Ven mentch vet oif eibig
Farnichtn geshvir
Fun has tzu amentchn
Tzulib shtam un kulir.

Di tzait vet kumen,
Di tzait iz nit vait.
Men darf nor a shup tun
a bisl di tzait.

Ven mentch vet zich lebn
Ruig Ruyig gelasn.
Ven mentch vet fargesn,
Vos s'meint hasn.

Ven mentch vet zich lebn
Vifl im iz bashert.
Ven mentch vet nit vern
Fun milchomois fartzert.

---- ס'וועט קומען די צייט,

ס'וועט קומען א צייט
ווען צעאקערטע ערד,
פארבייטן אויף תמיד
וועט ביקס און שווערד.

ווען מענטש וועט זיך לעבן
רואיג געלאסן.
ווען מענטש וועט פארגעסן,
וואס ס'מיינט האסן.

ווען מענטש וועט זיך לעבן
וויפל אים איז באשערט.
ווען מענטש וועט ניט ווערן
פון מלחמות פארצערט.

ווען מענטש וועט אויף אייביג
פארניכטן געשוויר
פון האס צו א מענטשן
צוליב שטאם און קאליר.

די צייט וועט קומען,
די צייט איז ניט ווייט.
מען דארף נאר א שטופ טאן
א ביסל די צייט.

MAIN SHLITELE



Adapted-from M.Gelbart
by Maxim Brodyn

C'hob a shli-te-le gekrugn,
Shlitl ich zich barg a-rup.
Vil ich barg aroif zich shlitlen
Shtelt main shlitele zich op.(hup)

Beizer ich zich oif main shlitl;
- fe, - zog ich, - s'iz nit shein.
Yedn mol, vos c'hvil zich shlitlen,
Muz ich shlepn dich a lein.

Ruft zich op tzu mir main shlitl;
- beser traib mit mir kain shpas.
Vilst zich dayke bocher shlitl.
Shlep dem shlitn - nor on kas .

מײן שליטעלע

כ'האָב א שליטעלע געקראָגן,
שליטל איך זיך בארג-אַראפ.
װיל איך בארג-ארויף זיך שליטלען
שטעלט מײן שליטעלע זיך אָפ.

בײזער איך זיך אויף מײן שליטל:
- פע, - זאָג איך, - ס'איז ניט שײן,
יעדן מאָל, װאָס כ'װיל זיך שליטלען,
מוז איך שלעפן דיך אלײן.

רופט זיך אָפ צו מיר מײן שליטל:
- בעסער טרײב מיט מיר קײן שפאס!
װילסט זיך דװקא, בחור, שליטלען,
שלעפ דעם שליטן - נאָר אָן כעס!

די זון און דער ים

ס'איז פּרעכטיק די זון,
נאָר איך קוק זי ניט אָן.
ס'איז פּרעכטיק דער ים,
נאָר איך ווייס ניט זיין טעם.

פון זיבן גאנץ פרי
ביז צען אויפדערנאכט,
הער איך ווי עמיצער
פרייט זיך און לאכט.

ביי אלעמען איז שבת
אין-מיטן דער וואָך,
איך טראָג יעדן טאָג
פון ארבעט דעם יאָך.

וואָס זשע טויג מיר די זון,
אז איך קוק זי ניט אָן?
וואָס זשע טויג מיר דער ים,
אז איך ווייס ניט זיין טעם?...



רעגן

טאָג און נאכט עס גיסט א רעגן,
די גאסן נאס, דער הימל גרוי,
האָבן מענטשן שוין פארגעסן,
אז עס איז דער הימל בלוי.

די זון האט ערגעץ זיך פארבאהאלטן,
אויף גאנצע טעג זי ווערט פארפאלן.
האָבן מענטשן שוין פארגעסן,
אין דער זון און אירע שטראלן.

שוואַרצע וואָלקנס, גרויע כמארעס,
ווײנען ביטער, גיסן טרערן,
האָבן מענטשן שוין פארגעסן
די לבנה און די שטערן.

ס'האָבן מענטשן ניט פארגעסן -
ס'וועט אויף לאנג אזוי ניט בלייבן.
ס'וועט א שטארקער ווינט א בלאָז טאָן
און די כמארעס גלייך פארטרייבן.

ווידער בלוי וועט זײַן דער הימל,
די זון וועט אירע הענט צעפירן,
די לבנה און די שטערן
וועלן הימל קיריק באצירן.

דער ים און די לבנה

די לבנה האָט אין ים זיך אויסגעבאָדן,
איז ים געוואָרן העל אין מיטן נאכט.
האָבן כוואַליעס זיך געיאָגט,
צום ברעג זיך צוגעשלאָגן,
און די העלקייט פון דעם ים
אויפן ברעג פאַרטראָגן.

זייַנען ים און ברעג
געוואָרן העל צוזאַמען.

די לבנה האָט צו אַלץ זיך צוגעקוקט,
און אויף איין מינוטקעלע
אין אַ וואָלקן זיך פאַררוקט.

איז ברעג געוואָרן פינצטער,
איז ים געוואָרן שוואַרץ,
פונקט ווי ס'וואָלט ביי ביידן
זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ.

האָט אַ צאַרט ווינטעלע אַ בלאָז געטאָן,
איז וואָלקנדל אַוועק.
ס'איז ווידער העל דער ים,
ס'איז ווידער העל דער ברעג.

אַ העכט, אַן אָקון און אַ שלייַען

(לויט קרילאָוו'ס פאַבל)

אַ העכט, אַן אָקון און אַ שלייַען
האָבן באַשלאָסן גוואַלד צו שרייַען,
און ניט לאָזן זיך מער
כאַפּן, פרעגלען און פאַרדייַען.

האָבן זיי געעפנט מייַלער דרייַ,
פונקט ווען עס איז פאַרבייַ
אַ ווערימל אַ פעטינקס.

פאַרגעסן האָבן זיי אין שרייַען,
געכאַפּט דאָס ווערימל זיך קייַען,
און געמאַכט אַ סוף ---
צום העכט, צום אָקון און צום שלייַען.

א מענטשעלע א יונגס

כ'געדענק ווען דו, מיין טאכטער,
ביסט א יונג מענטשעלע געווען,
פונקט ווי ס'איז אצינד
דיין אייגן קינד.

כ'געדענק דיין קינדערשן געוויין,
וואָס איינשטילן האָט געקאָנט
נאָר איך אליין.

כ'געדענק דיין קינדערשן געלעכטער,
ווען דו האָסט געטוליעט זיך צו מיר,
און לאכנדיג געזאָגט:
„דעדי, ביסט א שלעכטער״.

און ווייסטו ווער עס האָט דאָס אלץ
געבראכט צוריק צו מיר?
א מענטשעלע א יונגס,
געראָטן שטארק אין דיר.

ווערטער

ווערטער זענען דינאמיט,
מען דארף מיט ווערטער זיין געהיט.
א וואָרט קאָן אָנצינדן א פייער,
וואָס זאָל קאָסטן זייער טייער.

א וואָרט קאָן ברענגען גליק און רו,
און א שמייכל אויך דערצו.
א וואָרט בארואיגט דאָס געמיט,
א וואָרט פאנטאזיע צעגליט.

א וואָרט קאָן לאָסטשען מילד און הערליך,
א וואָרט איז צייטנווייז געפערליך.
מען דארף מיט ווערטער זיין געהיט,
פונקט ווי מ'איז מיט דינאַמיט.

ס'איז פריילעך אין מיאמי ביטש

ס'איז פריילעך אין מיאמי ביטש--
אויב ס'איז דאָ דער "קלינגער".
יונגע ווערן קינדער דאָ,
אלטע ווערן איינגער.

ס'איז פריילעך אין מיאמי ביטש,
מען ווערט דאָ ניט פארלוירן;
עס מאכט ניט אויס ווי אלט מען איז,-
מען ווערט דאָ ניי-געבוירן.

ס'איז פריילעך אין מיאמי ביטש,
אלע אופדערנאכטן ;
נאָר מען לאכט, און נאָר מען זינגט,
מען הערט דאָ אויף צו טראכטן...

ס'איז קיל, מחיה ביי דעם ים,
ווינטלעך לאסטשען, קילן :
דרייט מען זיך אין קאראהאָד,
ביז מען ווערט מיד שפילן.

מ'כאפט א טרונק, מ'כאפט א נאַש,
מען מאַכט א סוף צום וואכן ;
מאָרגן איז א נייער טאָג--
וועט מען ווידער לאכן.



געוועןז מענטש

געוועז א מענטש, און איז ניטא.
ערשט נעכטן, אט - א - דא,
האט ער גערעדט און געלאכט,
און אפילו ניט געטראכט,
אז אויך פאר אים איז ערגעץ וואו פאראן.
דער אייביגער "עד כאן".

געוועז א מענטש און איז ניט מער,
טאג נאך טאג געיאגט זיך און געלאפן,
ביז עס האט געטראפן:
איין איין קלייניקער סעקונדע
געשלאגן האט זיין לעצטע שטונדע ...

ליגט זיך איצט דער מענטש
רואיג און געלאסן
ניט ער קרעכצט שוין מער,
ניט ער קאן מער שפאסן.

שטיי איך ביי זיין ארון,
און אין מיין זכרון
פרואוו איך צו פארשרייבן:
שוין צייט פארלאנגזאמען דעם שפאן,

ווייל אויך פאר מיר איז ערגעצוואו פאראן
דער אייביגער "עד כאן"...

בערשאד, מײַן געבורט-שטאָט

כ'האָב ליב מײַן בערשאד, מײַן געבורט-שטאָט,
כ'האָב קינדער-יאָרן דאָרט פארבראכט.
כ'האָב ליב מײַן בערשאד, מײַן געבורט-שטאָט,
כ'האָב יוגנט-יאָרן דאָרט פארבראכט.

קינדער--יאָרן, יוגנט-יאָרן
גייען נאָך א מאָל פארביי,
קינדער--יאָרן, יוגנט יאָרן--
איך לעב זיי איבער פון דאָס ניי.

איך דערמאָן זיך אין מײַן זיידנ'ס דירה,
מיט דעם אפטייקער'ס אין איין שורה.
און סרוליע אַנגערט מיט די טעכטער,
און חנניה אקערמאנ'ס געלעכטער.

דאָקטאָר יאנקעלע שאפּירא,
א קוואל פון גייסטיגער גבורה,
געלעבט אין קאמף, אין קאמף געשטאָרבן,
אין קאמף אומשטערבלעכקייט דערוואָרבן.

איך געדענק ווען משה דאָבראָווענסקי
ביים פולעמיאָט איז טויט געפאלן.
פאר זײַן פאָלק און פאר זײַן בערשאד--
טויט פעטליורא'ס קאניבאלן!



2. בערשאַד

איך געדענק פאַרנאַכטיגע שפּאַצירן,
די ליבעס, וואָס מיר פלעגן פירן.
דעם באַל פון בערשאַדער גימנאַזיע,
דעם ערשטן טאַנץ פון מיין פאַנטאַזיע.

היינט די גאַסן פון מיין בערשאַד,
מיט די קראָמען, די ירידים,
מיט דעם הויף פון פּאַן סאָבאַנסקי,
מיט די בערשאַדער נגידים.

און די בערשאַדער "אָבשטשינע",
אירע פירער און פאַרטייען.
פאַר זייער פאָלק, פאַר זייער בערשאַד
פלעגן זיי אין פייער גייען.

צי געדענקט איר זיסיע קלעזמער,
מיט זיין וואונדערבארן פידל?
צי געדענקט איר קאָווקע קאָלקער--
איז דאָס געווען א פריילעך אידל!

בן-ציון דובירנע און משה מאַלקעס,
הערשל זאַלמינעס און יאַנקל שמריה ליפּע'ס
פיר מלמדים אין מיין לעבן,
האָבן תורה מיר געגעבן.

דערנאָך געגאַנגען אין גימנאַזיע,
געגאַן מיט אימפּעט, מיט פאַנטאַזיע
געגלויבט אז מיט מיין אייגענעם כוח
וועל איך דערגרייכן העכסטע הויך.

בערשאד

דערנאָך, ס'האָט לאנג מיר ניט גענומען,
בין איך קיין אמעריקע געקומען.
נייע מענטשן, נייע זייטן
האָבן בערשאד איצט פארביטן.

נאר מיין בערשאד, מיין געבורט-שטאט,
וועל איך אלעמאָל געדענקען,
נאָך מיין בערשאד, מיין געבורט-שטאט
וועל איך תמיד בענקען.

ביים ברעג ים

זיץ איך ביים ים אין א קילן פארנאכט.
איך קוק אויף די כוואליעס—
דעם ים איך באטראכט.

איך קוק אין דער ווייטקייט,
וואו הימל אין ים
גיבן די הענט זיך
און זאָגן: "שלום".

איך קוק אויפן הימל,
איך קוק אויפן ים,
מיר דאכט זיך מיין לעבן
האָט איצטער מער טעם.

זיץ איך באם ים,
און ווער גאָר ניט מיד.
איך קוק אויפן הימל
און שרייב מיר מיין ליד.



אַן אַנדער וועלט

ס'איז דאָ אַן אַנדער וועלט,
אחוץ דער וועלט פון געלט.

ס'איז דאָ א וועלט,
פון ווערטער און פון קלאַנגען.
ס'איז דאָ א וועלט
פון שפיל און פון געזאַנגען.

ס'איז דאָ א וועלט
פון שלום און פון יושר,
א וועלט וואו ס'הערשט ניט מער
דער גביר, דער עושר.

א וועלט וואו ליכט
פארטריבן האָט דעם שאָטן,
א וועלט וואו לעבנס
ווערן ניט צעטראָטן.

צו אָט-דער וועלט
מיר דארפן אלע שטרעבן,
אין אָט-דער וועלט
מיר דארפן בויען לעבן.

געדענק דעם היינט

פארגעס דעם נעכטן,
געדענק דעם היינט,
קוק אויפן מאָרגן
ווי אויף דיינע פריינט.

ס'מאכט זיך דער היינט
- איז ניט אזוי פיין,
דאָס מיינט ניט, אז מאָרגן
וועט אויך אזוי זיין.

דער היינט וועט מאָרגן
א נעכטן שוין זיין,
פארגעס זשע דעם נעכטן,
דעם היינט נעם אריין.

דאָס לעבן

זאָג ניט, אז עס איז דאָס לעבן
א פוסטער חלום, און ניט מער,
אז עס לוינט זיך ניט צו שטרעבן,
אז ס'איז לעבן זייער שווער.

ניין, דאָס לעבן האָט א זינען,
ס'האָט דאָס לעבן אויך א ווערט;
ס'איז ניט דער ענדציל פון'ם לעבן
דער צוריקגאנג אין דער ערד.

אמת, ס'איז דער וועג א שווערער,
און קאמף פארוויקלט יעדער שפאַן--
טאָ זיי אן אָדלער אין די קאמפן,
ניט קיין נארישער באראן.

אמת, ס'מוזן פאלן שפענער,
יעדן מאָל ווען מ'האַקט א וואלד--
טאָ זיי דער העקער, ניט די שפענער,
ווען עס קומט צום האקן וואלד.

שרעק זיך קיינמאָל פאר דעם מאָרגן,
יעדער מאָרגן האָט אן עק.
בראַוו באגעגן יעדן מאָרגן,
נעם אים אויף מיט מוט, אָן שרעקן

(אינספּירירט פון לאָנגפעלאָו'ס
"טעל מי נאט")



מיאמי רימז

מ׳שפילט דאָ אויפ׳ן ביטש
אין קאָרטן און אין ליבע.
מ׳שפילט אויף פערד, מ׳שפילט אויף הינט,
מ׳שפילט גלאט אָן אַ סיבה.

מ׳שפילט טעאטער און מ׳זינגט,
מ׳טאנצט אין אלע גאסן.
מ׳פאַרגעסט ווי אלט מ׳איז,
מ׳ויל ניט זיין געלאָסן.

מ׳פאָרט זיך אין מיאמי ביטש,
דאָס איז א גרויסע מעלה:
"ס׳איז אכציג ער און זיבעציג זי"—
און מ׳ווערט ערשט חתן-כלה.

ס׳איז דאָ דער ים, ס׳איז דאָ דער ביטש,
ס׳איז דאָ די זון, די פאלמען;
מ׳כאפט א שווים, מ׳כאפט א ברי׳,
מ׳כאָפט אמאָל--אַן אַלמן.

איז לעבן זאָל מיאמי ביטש,
אויף לאנגע, לאנגע יאָרן;
געזונט און שטארק זיינט, ליבע געסט,
קומט אלע יאָר צופאָרן!

רעד ניט צו מיר

רעד ניט צו מיר פון דער עלטער, דער שיינער -
רעד פון דער יוגנט, דער לויטערער, ריינער,
רעד װעגן טעג װען אויף אײגענע טרוימען,
געשװעבט כ'האָב אליין אין העכערע רוימען.

רעד פון די טעג װען פון װעגן פארדרייטע,
מיין פוס האָט באַטראָטן די שליאכן, די ברייטע,
װען גלויבן געבראַכט האָט מיר יעדער פרימאָרגן,
פון זיך איבער צװייפל, פון זיך איבער זאָרגן.

רעד ניט צו מיר פון דער עלטער, דער שיינער-
רעד פון דער יוגנט, דער לויטערער, ריינער,
רעד װעגן טעג װען אויף אײגענע טרוימען,
געשװעבט כ'האָב אליין אין די העכערע רוימען.

ניט אלע גראַמען זיינען לידער

ניט אלץ וואָס גראַמט זיך איז א ליד,
ניט יעדעס ליד איז אין גראַם,
סע מוזן די ווערטער און קלאַנגען,
האָבן זין און א טעם.

ניט אלץ וואָס סע בלישטשעט איז זילבער.
ניט אלץ וואָס איז צייטיג איז רויט,
ניט אלץ וואָס עס וואַקסט אויף די פעלדער,
קאָן מען פאַרוואַנדלען אין ברויט.

ניט אלץ וואָס מען הערט דאַרף מען גלויבן,
ניט אלץ וואָס מען זעט, זעט מען קלאָר,
ניט אלץ וואָס איז ווערט דאַרף מען לויבן,
סע מעג אַמאָל פעלן א האָר.

אזוי דאַרף מען נעמען דאָס לעבן,
ניט ראַשיק – א ביסל באַטראַכט,
מען דאַרף אלע מאָל זיין פון די לעצטע,
זיין פון די לעצטע וואָס לאַכט.



קאנאָנען און פּוטער

מען גיט אויס אויף קאנאָנען
שווערע ביליאָנען,
מען גיט אויס אויף פוטער,
א גראָשן און פטור.

קאנאָנישע מיילער
פארמאכט מען מיט מענטשן
מיילער פון הונגער
פארמאכט מען מיט בענטשן.

מען בענטשט, מען זאָגט צו:
- אָט קומט די נחמה.
נאָר ביז דער נחמת
גייט אויס די נשמה.

דארף מען וואָס גיכער
פארבייטן די יוצרות.
פאר קאנאָנען א גראָשן
פאר מענטשן - די אוצרות.

שלום

דער ים אין ווינטער טאָג

ס'איז ים א קאפיטשקע צעשויבערט,
שוים באדעקט זיין אויבערפלאך.
ערשט האָט ים גערעדט געלאסן,
איצט - ער נוצט א בייזע שפראך.

ס'האָט פיינט דער ים מארצאָווע ווינטן,
זיי טרייבן אלעמען אוועק.
געוואוינט איז ים צו האָבן מענטשן,
איצט פאר'יתומ'ט איז זיין ברעג.

ניט אייביג זיינען אָט-די ווינטן,
אפריל און מאי פארבייטן מארט.
ווידער רעדט דאן ים געלאסן,
ער ווערט ווידער ליב און צארט.

ס'האָט אונזער לעבן זיינע מארטן,
ווען ווינטן בלאָזן טאָג און נאכט.
אָבער נאָך דעם קומט דער פרילינג,
עס קומט דער זומער מיט זיין פראכט.

דער ים אין א לויטערן פרימאָרגן

ס'איז שיין דער ים אין פריען מאָרגן,
ווען מענטש נאָך שלאָפט, עס שלאָפן זאָרגן.
עס שלאָפט דער רעש,עס שלאָפט דער טומל,
אפילו זון באפט נאָך א דרימל.

ביים פּרעג צעשפּרייטן פויגלען פליגל.
דער ים - א גלאנצנדיגער שפּיגל.
דאָ און דאָרט עס שווימען מענטשן,
עס בעט זיך ים, מען זאָל אים בענטשן.

ס'איז שיין דער ים, ס'איז שיין דער ברעג,
די זון איז העל,דער הימל גלאט,
געמיט איז רואיג,אויג איז זאט,
דאָ און דאָרט עס ציטערט בלאט.

אזוי איז ברעג, אזוי איז ים,
ווען טאָג איז לויטער, זון איז פלאם.
און וואָלטן שלום מיר געהאט, -
געהאט וואָלט לעבן דאן א טעם.



שטערנדל, שטערנדל

שטערנדל, שטערנדל,
אין הימל דעם ווײטן
דערקלער מיר דעם זין
פון הײנטיקע צײטן.

דערקלער מיר דעם זין
פון מענטשלעכן לעבן.
וואָס האָט מען פון יאָגן?
איז ניט בעסער צו שטרעבן?

דערקלער דאָס מיר שטערנדל
פאַר דײַן פאַרגײן,
װער װײסט צי כ'װעל מאָרגן
דיך נאָכאַמאָל זען.



אײביגער געראַנגל

ליכט און שאָטן,
זײט בײ זײט,
ליכט און שאָטן,
אין אײביגן שטרײט.

פאַרוואָלקנט דער הימל
ס'האָט שאָטן געזיגט,
ליכט ליגט אין וואָלקנס,
ערגעץ פאַרוויגט.

האָבן ווינטן די וואָלקנס
געטאָן א צעוויג,
די זון שײַנט שוין
ווידער,
ס'איז ליכט דאָ צוריק.

ליכט און שאָטן,
זײט בײ זײט.
ליכט מוז געווינען,
דעם אײביגן שטרײט.

ד ע ר   י ם   נ אָ ך   א   ש ט ו ר ע ם

דער ים איז רואיג און געלאַסן,
נאָר זיין איבערפלאַך כוואַליעט זיך,
און רירט-אָן דעם ברעג
מיט דער צאַרטסטער צערטלעכקייט.

איבערן ים - א קרישטאָל-לויטערער הימל,
א ציכטיג אויסגעוואשענער,
פון מיליאָנען עמער רעגן-וואַסער.

פיל איך ווי א שטיקעלע גן עדן
וואָלט זיך אראָפגעלאָזט אויף דער וועלט.

שטיי איך א פארגאפטער און איך באוואונדער
די לויטערקייט פון הימל
- די געלאַסענקייט פון ים.

דער דעמב און די ווערבע

א דעמב, הויך און שטארק ווי א דעמפ
האָט זיך צערעדט מיט א ווערבע:
"קוק מיך אָן", האָט דער דעמב געזאָגט,
"איך בין הויך און איך בין שטארק,
איך בויג זיך ניט פאר קיינעם,
דו, מיין ווערבעלע, בויגסט זיך
פאָר יעדן איינעם".

די ווערבע האָט געוואָלט עפעס זאָגן,
האָט א קליין ווינטעלע זיך אָנגעטראָגן,
די ווערבע האָט זיך אָנגעבויגן
ווי שטארק פארטראכט,
דער שטארקער דעמב האָט הויך געלאכט.

פון דעם ווינטעלע איז א ווינט געוואָרן,
פון דעם ווינט - א שטורם, א אוראַגאַן.
דער דעמב, צעשמעטערט פון שטורעמ'ס צארן,
איז געלעגן פון דער ווערבע נאָר איין שפאן.

די ווערבע, ווידער, האָט זיך אויסגעלייכט,
באקוקט דעם דעמב, או האָט שטיל ביי זיך
געטראַכט:
"דו, שטאַרקער דעמב, האָסט הויך פון מיר
געלאכט,
"ליגסטו איצט צעשמעטערט,
"איך שטיי אויסגעגלייכט".

איך האָב גאָרניט געגן דעמב דעם שטארקן,
איך וויל נאָר ער זאָל ויסן:
ס'איז גוט צו זיין א שטארקער דעמב,
ס'איז שלעכט צו זיין פאַריסן.



צו פרייהײט

פון שקלאפן צו פרייהײט,
אויף פליגלען פון שלום,
פון שקלאפן צו פרייהײט,
ס'א טײערער חלום.

א חלום וואָס יעדער
דארף לערנען זיך וועבן,
דעם חלום פארווירקלעכן
דארף יעדערער שטרעבן.

די פרייהײט - זי ליגט
אין אײערע הענט,
הענט צו צעשטערן
שקלאפישע ווענט.

הענט אויף צו בויען
א בנין פון שלום,
צו מאכן פאר ווירקלעך,
פון פרייהײט דעם חלום.



ישראל'ס יובל-ליד



צו איר יובל זינגט ישראל
מיט כוח פון באנייאונג,
מיט שירה פלאמיגער, מיט מוט
פון ענדלעכער באפרייאונג.

עס זינגט ישראל איצט א ליד
פון זיגרייכע פארלאנגען,
פון קאמף, דערלייזונג און פון שטאָלץ,
פון זונען אויפגעגאנגען.

עס האָט דאָס ליד דערקוויקט א וועלט,
געבראכט א פאָלק צום לעבן.
עס האָבן צווייפלער זיך באטראכט,
דאָס צווייפלען אויפגעגעבן.

איז לעבן זאָל ישראל-לאַנד,
א לאנד צווישן לענדער.
לעבן זאָל ישראל-פאָלק,
א פאָלק צווישן פעלקער.



צום נײַעם יאָר

ס'איז ראש השנה שוין אריבער,
ס'איז אויער פול מיט תפילה-קלאנג.
לאָמיר אלע דאָ צוזאמען
זינגען איצט א ליד פון דאנק.



פאַר טעג, פאַר שעה'ען און פאַר וואָכן,
וואָס קומען מער שוין ניט צוריק,
וואָס האָבן אונז באפרייט פון יאָכן,
וואָס האָבן אָפט געבראכט אונז גליק.

וואָס האָבן אונז גאָנץ אָפט דערהויבן,
געמאכט פארגעסן פּײַן און לייד,
וואָס האָבן אונז געבראַכט ניט איין מאָל
טעג פון יום-טוב, טעג פון פרייד.

איז לחיים, צום יאָר צום נײַעם,
לאָמיר פרייען זיך ביז גאָר!
לאָמיר ווינטשן זיך און יענעם--
א גוט, געזונט, און גליקלעך יאָר.

א װ י ז י ע

כ'האָב א װיזיע געזען.
מיט דיר, מײן ליבסטע,
װעל איך די װיזיע טײלן.

כ'האָב געזען א הײם,
ניט קײן רײכע,
נאָר אַ רואיקע, א רײנע.
דו, מײן אשת חיל,
באצירט מיט אלע חנ'ען.

געהערשט האָט אין אונזער הײם
שלום ושלוה.
קײן הויך װאָרט מ'האָט ניט געהערט
בײ אונז רײדן,
נאָר מיר קלײבן פון א קוש,
דעם שאָרך פון א גלעט,
מ'האָט געהערט פון אונז בײדן.

און מיר--מיר שװימען
אין ים פון גליק,
און פילן אז מיר שפאנען
אויף פעסט געבויטער בריק.

שפאנען מיר צוזאמען
אויף אונזער לעבנס-װעג,
בענטשנדיג די יאָרן,
בענטשנדיג די טעג.

(געװידמעט מײן פרוי - צו אונזער חתונה - יובל.)

ס'איז געווען א דערהויבונג פאר מיר צענויפשטעלן די זאמלונג לידער פון דוד פריד. כאטש איך האב אים ניט געטראפן ביי זיין לעבן, איז ער מיר נאענט געווארן מיט זיינע הארציגע צערטלעכע לידער.

מאקסים בראדין

אין ליכטיקן
אנדענק

אינהאלט

אריינפיר ———————————— 3-2-1

מיין חבר דוד פריד ———————— 6-5-4

ס'וועט קומען א צייט ———————— 8

" 9

מיין שליטעלע ———————————— 10

" 11

די זון און דער ים ———————— 12

רעגן ———————————————— 13

דער ים און די לבנה ———————— 14

א העכט, אן אקון און א שלייען – 14

א מענטשעלע א יונגס ———————— 15

ווערטער ———————————————— 15

ס'איז פריילעך אין מיאמי ביטש —— 16

געווען א מענטש ———————————— 17

בערשאד מיין געבורט – שטאט ———— 18

בערשאד ———————————————— 19

ביים ברעג ים ———————————— 20

בערשאד ———————————————— 20

אן אנדער וועלט ———————————— 21

געדענק דעם היינט ———————————— 21

דאס לעבן ———————————————— 22

מיאמי ביטש ———————————————— 23

רעד ניט צו מיר ———————————— 24

ניט אלע גראמען זיינען לידער —— 25

קאנאנען און פוטער ———————————— 26

דער ים אין ווינטער טאג ———————— 27

דער ים אין לויטערן פרימארגן —— 28

שטערנדל, שטערנדל ———————————— 29

אייביגער געראנגל ———————————— 29

דער ים נאך א שטורעם ———————— 30

דער דעמב און די ווערבע ———————— 31

צו פרייהייט ———————————————— 32

ישראל'ס יובל ליד ———————————— 33

צום נייעם יאר ———————————————— 34

א וויזיע ———————————————————— 35

דוד פריד

ס'וועט קומען א צײט!

געדאנקען און פערזן